ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

# פנחס

אידיש

**541**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# אחד וארבעים

## פנחס

אין דעם פרק וועט ערקלערט ווערן, די חיוב פון דעם מענטש, צו לערנען אַלע חלקים פון די תורה.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

# אינהאַלט

## פון איין און פערציגסטער פרק

א. אַ מענטש דאַרף לערנען די גאַנצע תורה, און מען פרעגט אים דערויף אויף יענער וועלט ........................ ג

ב. די תפילות פון די וועלכע קענען נישט מכוון זיין אין די הייליגע שמות, גייען אַרויף צוזאַמען מיט די תפילות פון די וועלכער קענען יאָ מכוון זיין. ........................ד

ג. אַ תפילה פאַר דעם וועלכן קען נישט דאַווענען מיט די אויבנדערמאַנטע כוונות ........................ד

ד. דאָס וואָס עס שטייט אַז יעדער איינער דאַרף לערנען די גאַנצע תורה, דאָס איז נאָר דער וועלכער האָט באַקומען אין סיני די גאַנצע תורה, עס איז אָבער דאָ די וועלכע האָבן געקראָגן נאָר איין טייל, און זיי דאַרפן נישט לערנען אַלץ, אַ סימן צו וויסן וואָס ער האָט באַקומען פון סיני, און פאַרוואָס האָט מען געגעבן אין סיני איינעם מער און איינעם ווייניגער. ...... ז

ה. דער וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַנדערע חכמות און נישט מיט תורה, אַפילו נישט מיט גרינגע זאַכן ווי מקרא און אגדה, וויפל בושה וועט ער האָבן........................ ז

ו. ער זאָל נישט אָפּלאַכן פון אַ מענטש וואָס לערנט נאָר אגדה אָדער מקרא........................ ח

ז. עטלעכע רמזים אין פסוקים און מאמרי חז״ל אַז דער וועלכער האָט נישט געקראָגן אַלץ ביים באַרג סיני דאַרף נישט לערנען אַלץ ........................ ט

ח. ווער עס וויל לערנען די גאַנצע תורה נאָר ער קען נישט, ווערט גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט געלערנט, און עס איז נישטאָ קעגן אים גאָרנישט. דאָס וואָס מען האָט געזאָגט אַז מען דאַרף לערנען די גאַנצע תורה, איז נאָר ביי אַן עושר וועלכער לעבט אין רואיגקייט. עטלעכע באַווייזן דערויף........................ י

ט. עטליכע עצות צום מענטשן ער זאָל נישט נעמען צום האַרצן די זידלעריי פון מענטשן קעגן אים........................ יב

י. ווען אַ מענטש טוט אַ נדר זאָל ער נישט פאַרשווען........................ יד

❖ ❖ ❖

# פרק אחד וארבעים

## אַ מענטש דאַרף לערנען די גאַנצע תורה, און מען פרעגט אים דערויף אויף יענער וועלט

**א. יי״י הגדול,** השם יתברך דער געאַכפערטער און פאָרכטיגער וואָס איז געלויבט אין אַלע הימלען, און אין מויל פון זיין פאָלק ישראל, און ספּעציעל אין מויל פון די וועלכע לערנען זיין תורה, וואָס דורך דער תורה דערקענען זיי זיין גדולה, און ווייסן די זאַכן גוט צו באַשיידן.

**במדרש,** אין מדרש שוחר טוב שטייט, ר׳ ישמעאל זאָגט, זע ווי גרויס איז דער כוח פון יום הדין, וואָס השם יתברך וועט משפטן די וועלט, און אַז איין תלמיד חכם וועט קומען פאַר אים, וועט ער אים פרעגן האָסטו געלערנט וועט ער ענטפערן יאָ, וועט השם יתברך צו אים זאָגן, זאָג מיר, וואָס האָסטו געלערנט. דעריבער, זאָל דער מענטש זיין לערנען פיל מאָל חזר׳ן, כדי ער זאָל עס געדענקען. קומט דער וועלכער האָט געלערנט מקרא, און האָט נישט געלערנט משניות, קערט השם יתברך אַוועק זיין פנים פון אים, און מען וואַרפט אים אין גיהנם. קומט דער וועלכער האָט געלערנט הלכות, פרעגט מען אים אויב ער האָט געלערנט תורת כהנים.

**בא,** קומט דער וועלכער האָט געלערנט תורת כהנים, פרעגט מען אים אויב ער האָט געלערנט אגדה, ווייל אין דער צייט ווען דער חכם זיצט און דרשנ׳ט אגדה בין איך מוחל די זינד פון די אידן, און אין דער צייט ווען זיי ענטפערן אמן יהא שמי׳ רבה, ווען אפילו זייער גזר איז שוין געחתמ׳עט געוואָרן אויף בייז, בין איך זיי מוחל זייערע זינד, און צורייס דעם גזר דין. קומט דער וועלכער האָט געלערנט אגדה, זאָגט השם יתברך צו אים מיין זון האָסטו געלערנט גמרא. קומט דער וועלכער האָט געלערנט גמרא, זאָגט השם יתברך צו אים האָסטו

געלערנט מעשה מרכבה. האָט רבי ישמעאל געזאָגט וואויל איז דעם תלמיד חכם וואָס גערעדנקט זיין לערנען, ער זאָל קענען ענטפערן צו השם יתברך ביי דעם יום הדין.

## די תפילות פון די וועלכע קענען נישט מכוון זיין אין די הייליגע שמות, גייען אַרויף צוזאַמען מיט די תפילות פון די וועלכער קענען יאָ מכוון זיין.

**ב. הרי,** זעען מיר דערפון אַז די תלמידי חכמים קענען דורך דער תורה וויסן די גרויסקייט פון השם יתברך, און קענען לויבן השם יתברך ווי עס דאַרף צו זיין, ווייל זיי ווייסן אין די הייליגע נעמען פון השם יתברך, און קענען מכוון זיין, אָבער דער פראָסטער עולם ווייסן דאָס נישט. און כאָטש אַלע שירות ותשבחות פון די אידן ווערן איין קרוין צו השם יתברך כאָטש זיי זיינען נישט מכוין, דאָס איז ווייל, די שירות ותשבחות גייען אַרויף צוזאַמען מיט די תפילות פון די תלמידי חכמים וועלכע ווייסן יאָ ווי צו מכוין זיין, זיי ווערן ווי פליגל צו טראָגן די שירות ותשבחות פון דעם פראָסטן עולם אַרויף צו ברענגען צום הימל, און השם יתברך איז זיך משתעשע מיט די רייד וועלכע קומען פון די וואָס ווייסן יאָ מכוין צו זיין, און די איבעריגע שירות ותשבחות ווערן מצורף צו די רייד און תפילות פון די תלמידי חכמים, ווערן זיי אַלע אין איינעם אַ קרוין צו השם יתברך.

## אַ תפילה פאַר דעם וועלכן קען נישט דאַווענען מיט די אויבנדערמאַנטע כוונות

**ג. לכן,** דעריבער, כדי אַלע תפילות און תשבחות פון די אידן זאָלן אַרויף גיין לרצון פאַר השם יתברך, סיי פון די וועלכע קענען מכוין זיין, סיי די וועלכע קענען נישט, זאָל דער מענטש זאָגן אַלע טאָג די תפילה:

## בלשון הקודש

**רבונו** של עולם אתה יודע כי בשר אנחנו ואין בנו ולא בשום ברי' כח להשיג ולכוין מעלתך וגדולתך כמו שנאמר גדול אדוננו ורב כח ולגדולתו אין חקר. גם אם היינו יודעים צירוף שמותיך הקדושים וכוונת כל תפלה ותפלה לפי זמנה וכוונת כל ברכה וברכה שבתוך כל תפלה ותפלה, וכוונת ת"ת כל לימוד ולימוד בפני עצמו וכוונת מעשה המצות כל מצוה ומצוה בפני עצמה ובכל הזיווגים ויחודי מדות הקדושות העליונות הראוים לבא על ידיהם, וכל שכן כי בשר אנחנו ולא בינת אדם בנו ואין אנו יודעים הכוונות האלה, לכן יהי רצון מלפניך ה' אלהינו ואלהי אבותינו שיהא חשוב ומרוצה לפניך תפלת שחרית ומוסף ומנחה ונעילה ומעריב שאתפלל לפניך היום ובכל לימוד תורה שאלמוד היום וכל מעשה המצות שאעשה היום כאלו אתכוין בכל צרופי שמות הקדושים העולים מתוכם ובכל היחודים וזיווגי מדות הקדושות העליונות הראויות לבא על ידיהם, ותצרף מחשבתי הטובה דרך כלל למעשה פרטית לכל תפלה ותפלה שאתפלל היום ובכל למוד ולמוד שאלמוד היום ולכל מצוה ומצוה שאעשה היום. ויעלו לפניך להיות עטרה לראשך עם שאר תפלות ולמוד תורה ומעשה המצות של בניך היודעים והמבינים כל כונות שמותיך הקדושים הראוים לכל תפלה ותפלה ולכל למוד ולמוד ולכל מצוה ומצוה, המעלים יחוד וזיווג מדות העליונות וקדושת מעלה ומעלה בכל העולמות אמן.

## באידיש

**רבונו** של עולם, דו ווייסט דאָך אַז מיר זיינען פלייש און מיר, און קיין שום באַשעפעניש, האָבן נישט קיין כוח צו באַגרייפן און צו מכוין זיין דיין מעלה און דיין גרויסקייט, ווי עס שטייט "**גדול אדונינו ורב כח ולגדולתו אין חקר**", און אויך אויב מיר וואָלטן געוואוסט דעם צירוף פון דיינע הייליגע נעמען און די כוונה פון יעדן תפילה לויט איר צייט, און די כוונה פון יעדן ברכה פון דאַוונען, און די כוונה פון לערנען, יעדן לערנען פאַר זיך, און די כוונה פון די מצוות

יעדן מצוה פאַר זיך און די אַלע זיווגים און די אַלע הייליגע מידות העליונות וועלכע קענען קומען פון זיי, און ספּעציעל אַז מיר זינען פליישיגע מענטשן און מיר האָבן נישט קיין מענטשלעכן פאַרשטאַנד און ווייסן נישט אַלע כוונות, דערפאַר זאָל זיין אַן עת רצון פאַר דיר, השם יתברך, אלקינו ואלקי אבותינו, עס זאָל זיין גערעכנט פאַר דיר די תפילה פון שחרית מוסף מנחה נעילה און מעריב וואָס איך וועל היינט דאַוונען און דער גאַנצער לערנען תורה וואָס איך וועל היינט לערנען און אַלע מצוות וואָס איך וועל היינט טאָן, גלייך ווי איך וואָלט אין זינען געהאַט אַלע צרופים פון די הייליגע נעמען וואָס זיינען דאָ אין זיי, און די אַלע יחודים און זיווגים פון די הייליגע מדות וואָס קומען פון דורך זיי, און דו זאָלסט באַהעפטן מיין גוטע אַלגעמיינע מחשבה צו די מעשה פון יעדן תפלה וואָס איך וועל היינט דאַוונען, און צו יעדן זאַך וואָס איך וועל היינט לערנען, און צו יעדן מצוה וואָס איך וועל היינט טאָן. און עס זאָלן אַרויפגיין פאַר דיר צו זיין אַ קרוין צו דיין קאָפּ צוזאַמען מיט די אַנדערע תפילות און תורה פון דיינע קינדער וועלכע ווייסן און פאַרשטייען אַלע כוונות פון דיינע הייליגע נעמען ביי יעדן תפלה און יעדן לערנען און יעדן מצוה, וועלכע באַהעפטן און פאַראייניגן די מידות העליונות און די הייליגקייט פון אויבן אין אַלע וועלטן אמן.

**ובאומרו,** און ווען דער מענטש וועט זאָגן די תפילה, וועט גערעכנט ווערן אויך פאַר דעם וועלכן קען נישט מכוון זיין, גלייך ווי ער וואָלט מכוון געוועזן צו דעם שורש.

**דאָס וואָס עס שטייט אַז יעדער איינער דאַרף לערנען די גאַנצע תורה, דאָס איז נאָר דער וועלכער האָט באַקומען אין סיני די גאַנצע תורה, עס איז אָבער דאָ די וועלכע האָבן געקראָגן נאָר איין טייל, און זיי דאַרפן נישט לערנען אַלץ, אַ סימן צו וויסן וואָס ער האָט באַקומען פון סיני, און פאַרוואָס האָט מען געגעבן אין סיני איינעם מער און איינעם ווייניגער.**

**ד. אמנם,** לויטן מאמר וואָס שטייט פריער פון מדרש שוחר טוב, דאַרף מען אים פאַרשטיין, ווייל, נאָך לויטן פשוט'ן פשט, איז נישטאָ אַפילו איין מענטש פון די גדולי הדור ער זאָל קענען משיג זיין די אַלע זאַכן וועלכע זיינען אויסגערעכנט אין מדרש, און ספּעציעל אין די היינטיגע דורות קען זיכער קיינער נישט משיג זיין די אַלע זאַכן, און השם יתברך קומט דאָך נישט מיט האַרטקייט צו זיינע באַשעפענישן, איז ווי אַזוי פרעגט השם יתברך דעם מענטשן אויב ער האָט געלערנט אַלע זאַכן פון דער תורה, און ספּעציעל אין מעשה מרכבה, ווי עס שטייט אין מדרש משלי. און דער וואָס זעט וואָס עס שטייט אין די מדרשים קען ער זיך מייאש זיין פון עולם הבא, דעריבער, קען ער ביי זיך זאָגן, וועל איך כאָטש האָבן עולם הזה.

**דער וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אַנדערע חכמות און נישט מיט תורה, אַפילו נישט מיט גרינגע זאַכן ווי מקרא און אגדה, וויפל בושה וועט ער האָבן.**

**ה. ועוד,** דאָס איז אויך סותר אַ מדרש רבה, וואו עס שטייט, אַז עס איז דאָ דער וואָס איז זוכה צו לערנען מקרא, און דער וואָס איז זוכה צו לערנען משניות, און דער וואָס איז זוכה צו לערנען גמרא, און עס איז אויך דאָ דער וואָס איז זוכה צו לערנען אַלץ, יעדער איינער לויט דעם טייל וואָס זיין נשמה האָט באַקומען ביים באַרג סיני. און די אַלע שאלות וואָס השם יתברך פרעגט ביז מעשה מרכבה, דאָס איז צו דעם וואָס האָט אויף דעם באַרג סיני באַקומען אַלץ, האָט ער דאָך

געקענט פאַרשטיין אַפילו מעשה מרכבה, נאָר זיין פוילקייט האָט אויף אים געווירקט און ער האָט נישט משיג געווען, דעריבער, איז ער ווערט אַ שטראָף.

**וכן,** און אַזוי אויך דער וואָס האָט אויף דעם באַרג סיני באַקומען מקרא און משנה, און ער האָט געלערנט נאָר איינס פון זיי, איז ער אויך ווערד אַ שטראָף, אָבער דער וועלכער האָט געקראָגן ביים באַרג סיני מקרא אָדער משנה אַליין, און ער האָט געלערנט וואָס ער האָט באַקומען, האָט ער שוין געקויפט זיין אָרט אין גן עדן.

## ער זאָל נישט אָפּלאַכן פון אַ מענטש וואָס לערנט נאָר אגדה אָדער מקרא

**ו. וכמה,** ווי קען מען וויסן. אַז עס איז דאָ אַ מענטש וואָס אַפילו אויב ער זאָל זיין גאַנץ לעבן לערנען גמרא, וועט ער נישט פאַרשטיין, און זיין באַגער איז נאָר מקרא, אָדער משנה, אָדער אגדה, איז דאָס אַ סימן, אַז דאָס וואָס ער גלוסט צו לערנען, דאָס איז אים געגעבן געוואָרן פון באַרג סיני, און דאָס דאַרף ער לערנען, און אַזוי אַ מענטש וואָס פאַרשטייט אַלץ איז זיכער אַז אים איז געגעבן געוואָרן אַלע חלקים פון דער תורה, און אַז ער פאַרלאָזט זיי און לערנט זיי נישט אַלע, וועט ער באַקומען אַ שטראָף דערפאַר.

**ז. הנה,** אָט דעם מוסר, וואָס מען נעמט דערפון אַרויס, זאָל זיך דער מענטש אַריינטראַכטן, אַז אויב זיין שכל קען פאַרשטיין מקרא אָדער משנה, און ער לערנט זיי נישט שטענדיג, און פאַרברענגט זיין צייט מיט שלעכטע זאַכן, וויפל בושה און שאַנדע וועט ער האָבן ביי דעם יום הדין, ווייל, ער וועט אַליין זען, אַז מיט אַזאַ לייכטע זאַך ווי לערנען מקרא אָדער משנה, האָט זיך געקענט איינשאַפן עולם הבא, און ער האָט עס נישט געטאָן, דעריבער, וועט ער נישט האָבן וואָס צו ענטפערן די מלאכי חבלה, און ער וועט חרטה האָבן, און וועט עס נישט קענען פאַרדעכטן, און ספּעציעל אַז ער וועט זיך אַריינטראַכטן

אין די שלעכטע זאַכן וואָס ער האָט געלערנט און האָט זיינע יאָרן אין זיי פאַרבראַכט, און איצטער קענען זיי אים נישט העלפן און באַשיצן, אדרבא, זיי זענען זיין בראָך, און ווערט דערויף געשטראָפט.

**ח. גם,** אויך אַ חכם וואָס קען וויסן מעשה מרכבה, ווען אַפילו דער חכם לערנט מקרא, אָדער משנה, אָדער אגדה, און לערנט שטענדיג אין זיי מיט אהבה און יראה. איז דען מעגלעך אַז צו אים האָט מען אויף דעם באַרג סיני געגעבן נאָר מקרא אָדער משנה, און ער האָט זיינס יוצא געווען, און וועט האָבן גן עדן. צו דעם חכם האָט מען דאָך געגעבן אַ חלק אין מעשה מרכבה, און ווייל ער האָט אין דעם נישט געלערנט, וואָס העלפט אים זיין חכמה, ווייל ער ווערט געשטראָפט, און זעט מיט זיינע אויגן ווי דער וואָס האָט נאָר געלערנט מקרא איז מקבל שכר, און דעריבער האָט אפשר דער תנא געזאָגט **"אל תהי בז לכל אדם"** און זאָלסט נישט אָפּלאַכן פון קיין שום מענטשן.

## עטלעכע רמזים אין פסוקים און מאמרי חז"ל אַז דער וועלכער האָט נישט געקראָגן אַלץ ביים באַרג סיני דאַרף נישט לערנען אַלץ

**ט. ועל פי זה,** און דורך דעם, קען מען פאַרשטיין דעם פסוק (ירמי' ט' יא-יב) **"על מה אבדה הארץ"**, השם יתברך זאָגט פאַרוואָס איז ארץ ישראל וויסט, **"על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם"**, ווייל זיי האָבן פאַרלאָזט מיין תורה, וואָס איך האָב זיי געגעבן. דאָס מיינט אַז די מענטשן פון דעם דור האָבן זיך טועה געווען, ווען זיי האָבן געזען אַ טייל פון זיי זענען בעלי מקרא, און אַ טייל בעלי משנה, און אַ טייל בעלי אגדה, און גמרא, און די מעשה מרכבה האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, האָבן זיי געזאָגט, אַז ווייל מיר האָבן נישט משיג געווען קיין מעשה מרכבה, וועלן מיר דאָך געשטראָפט ווערן, וואָס העלפט אונז דאָס לערנען מקרא און אגדה, האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס לערנען, אָבער זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז

יעדערער קויפט זיך עולם הבא מיט זיין חלק וואָס איז אים געגעבן געוואָרן ביים באַרג סיני, אַפילו נאָר מקרא אָדער משנה אַליין, דעריבער לאָזט השם יתברך וויסן זייער טעות, אַז דעריבער איז פאַרוויסט געוואָרן ארץ ישראל, ווייל זיי האָבן פאַרלאָזט מיין תורה, וואָס איך האָב געגעבן צו יעדערן באַזונדער אויף דעם באַרג סיני, צו אַ טייל מקרא, און צו אַ טייל משנה, און צו אַ טייל גמרא.

**י. ובזוהר,** דער זוהר אין פרשת בראשית (הקדמת ספר הזוהר ה, א) שרייבט, אַז דער מענטש איז מחדש אין תורה ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט דערפון באַשאַפן נייע הימלען און נייע ערד, אָבער אַז ער איז עפּעס מחדש און ווייסט עס נישט קלאָר, ווערט דערפון אַ פאַלשער הימל, וואָרום, ווייל ער האָט נישט מחדש געווען ווי עס דאַרף צו זיין, איז דאָך געדרונגען אַז מען האָט אים אויף דעם באַרג סיני אָפּגעטיילט ער זאָל מחדש זיין, און אַז ער איז נישט מחדש גאַנץ קלאָר, ווערט דערפון פאַלשע הימלען צו שטראָפן אים דערויף.

**ווער עס וויל לערנען די גאַנצע תורה נאָר ער קען נישט, ווערט גערעכנט גלייך ווי ער וואָלט געלערנט, און עס איז נישטאָ קעגן אים גאָרנישט. דאָס וואָס מען האָט געזאָגט אַז מען דאַרף לערנען די גאַנצע תורה, איז נאָר ביי אַן עושר וועלכער לעבט אין רואיגקייט. עטלעכע באַווייזן דערויף.**

**יב. עוד,** נאָך אַ פירוש אויף דעם פריער-דערמאַנטן מדרש שוחר טוב, אַז אַפילו מיר וועלן זאָגן אַז יעדערער איז פאַרפליכטעט צו לערנען משנה און מקרא און גמרא, הלכות און אגדות און מעשה מרכבה, פונדעסטוועגן פרעגט מען ביי דעם יום הדין מער נישט, נאָר אַזעלכע וואָס האָבן צייט געהאַט צו לערנען, ווייל השם יתברך האָט אים דאָך געגעבן פאַרשטאַנד צו לערנען, פאַרוואָס האָט ער נישט געלערנט, דעריבער איז ער ראוי צו אַ שטראָף. אָבער דער וואָס זיינען צרות און אָרעמקייט האָבן אים געניייט נישט צו לערנען,

אָדער ער האָט נישט געהאַט קיינער זאָל מיט אים לערנען, דעם פרעגט מען נישט וואָרום האָסטו נישט געלערנט אַלץ דינג, ווייל ער איז אַ אנוס, און איז זוכה צו עולם הבא מיט דעם מקרא אָדער אגדה אַליין, וואָס ער האָט געלערנט לשם שמים, נאָר ער זאָל זיך מצער זיין אויף דעם וואָס ער האָט קיין צייט נישט געהאַט צו לערנען, און אַ גוטע מחשבה איז השם יתברך מצרף צו אַ מעשה, און מיט דעם ביסל וואָס ער האָט געלערנט לשם שמים קריגט ער זיין חלק עולם הבא.

**יג. וראי׳,** און אַ ראי׳ דערצו, פון אַ בעל תשובה וועלכער איז גרעסער פון אַ צדיק וואָס האָט געלערנט די גאַנצע תורה, און כאָטש ווען דער בעל תשובה האָט נישט געלערנט אַפילו קיין מקרא, איז ער פאָרט זוכה צו עולם הבא, דאָס איז, ווייל מיט זיין תשובה האָט ער חרטה אויף דעם וואָס ער האָט נישט געטאָן דעם ווילן פון זיין באַשעפער צו לערנען אין זיין תורה, און צו דערקענען זיין גדולה, און די מחשבה ווערט אים גערעכנט פאַר אַ מעשה.

**יד. ודברי׳,** און דאָס וואָס אין מדרש שטייט, אַז מען פרעגט דעם מענטשן אויב ער האָט געלערנט מעשה מרכבה, דאָס רעדט זיך וועגן אַ מענטש וואָס השם יתברך האָט אים געבענטשט מיט עשירות, און ער זיצט רואיקערהייט, דעם פרעגט מען דאָס אַלץ וואָס עס שטייט אין דעם מדרש, ווייל דער האָט צייט געהאַט צו לערנען דאָס אַלץ פאַרוואָס האָט ער נישט געלערנט, דעריבער ווערט ער באַשטראָפט.

**טו. גם,** אויך שטייט אין דעם מדרש, אַז עס קומט איינער וואָס האָט געלערנט נאָר מקרא און נישט קיין משנה קערט השם יתברך אַוועק זיין פנים, ווי אַ פאָטער קערט אַוועק זיין פנים ער זאָל נישט זען אין דעם צער פון זיין זון, אויף יעדער זאַך וואָס ער פרעגט אים, זאָגט ער אים ״בְּנִי, בְּנִי״, כביכול ווי איינער איז זיך מצער אויף זיין זון,

פאַרוואָס ער האָט נישט גוט געטאָן, און האָט אַליין געברענגט אויף זיך שלעכטס.

**טז. לכן,** יעדער מענטש זאָל טראַכטן אין אַלע זיינע געשעפטן, אַז וואָס ער טוט איז דאָס אַלץ פאַר השם יתברך, אַז דורך די געשעפטן וואָס ער טוט וועט ער שוין האָבן צייט צו דינען השם יתברך ווי עס דאַרף צו זיין, און צו לערנען תורה מקרא משנה גמרא הלכות אגדות און קבלה, און ווען ער וועט אַפילו נישט האָבן קיין צייט צו לערנען, וועט עס אים גערעכנט זיין ווי ער האָט דאָס אַלץ געלערנט, און וועט געראַטעוועט ווערן ביי דעם יום הדין. אויך דער וואָס טראַכט אַז ער זאָל האָבן צייט צו לערנען, וואָלט ער געלערנט די גאַנצע תורה, דער זינדיגט נישט, ווייל ער האָט שטענדיג אין דער מחשבה צו לערנען, האָט ער קיין צייט נישט צו שלעכטע מחשבות, אויך די הייליגע מחשבות שטופּן אַרויס די שלעכטע מחשבות, ווייל וויבאַלד ער קומט זיך רייניגן העלפט מען אים פון הימל.

**והסיוע,** און די הילף איז אויף צוויי ערליי אופנים. איינס, מען העלפט אים ער זאָל קענען אַרויסטרייבן פון זיין מוח די פרעמדע מחשבות. צווייטנס, מען העלפט אים זיין מחשבה זאָל מקויים ווערן, אַז מען גיט אים צייט ער זאָל קענען דינען השם יתברך ווי זיין ווילן איז, און זאָל האָבן צייט אויף לערנען תורה.

## עטליכע עצות צום מענטשן ער זאָל נישט נעמען צום האַרצן די זידלעריי פון מענטשן קעגן אים

**יז. ובהיות,** און וויבאַלד עס איז דאָ אַ סיבה וואָס האַלט אָפּ דעם מענטשן פון דינען השם יתברך, און דאָס איז דאָס וואָס דער מענטש קען נישט פאַרליידן די זידלעריי וואָס מענטשן זידלען אים ביי אַ קריגעריי, און ער נעמט עס צום האַרצן, און דאָס פאַראורזאַכט ער זאָל נישט לערנען תורה און מקיים זיין מצוות.

**יח. וכל,** אָבער דאָס איז אַ נאַרישקייט, ווייל "ממה נפשך", אויב דער וואָס האָט אים געזידלט איז געווען זיינער אַ פריינד, און האָט אים געטאָן אַ גוטס, זאָל ער טראַכטן וועגן די גוטס וואָס ער האָט געהאַט פון דעם פריינד, און כל זמן ער לעבט, איז מעגלעך, אַז ער זאָל צוריק ווערן זיינער אַ גוטער פריינד; און אויב דער וואָס האָט אים געזידלט איז אַ פרעמדער, זאָל ער טראַכטן אַז ער טרעפט זיך נישט מיט אים די גאַנצע צייט, און באַלד וועט ער גיין צוריק צו זיין פלאַץ, איז צוליב די קורצע צייט וואָס דער פרעמדער זידלט אים זאָל ער זיין צוטומלט פון צו טראַכטן וועגן די נשמה, איינצושאַפן זיך אַ לעבן וואָס האָט נישט קיין ענדע און קיין ברעג, דאָס איז דער לעבן פון יענער וועלט, און די זידלערייען זענען דאָך נישט קיין אייביגע, דעריבער זאָל ער זיך נישט ערגערן וועגן דעם.

**יט. ועוד,** נאָך זאָל ער טראַכטן, אַז היינט אָדער מאָרגן וועלן זיי אפשר ביידע נישט זיין אויף דער וועלט, דעריבער, וואָס האָט ער זיך צו ערגערן דערויף. נאָך זאָל ער טראַכטן, אַז צוליב די זידלעריי איז אים קיין אבר נישט געמינערט געוואָרן.

**כ. ועוד,** נאָך אַ זאַך. כדי ער זאָל זיך נישט ערגערן, אויף דעם וואָס זיין חבר זידלט אים און שעלט אים, זאָל ער זיך ערגערן אויף דעם וואָס ער באַליידיגט זיין נשמה מיט שלעכטע רייד וואָס ער רעדט, און אויך דורך דעם וואָס ער איז מבטל דעם לערנען. אויך זאָל ער זיך בעסער ערגערן אויף דעם וואָס די תורה שטראָפט די וואָס זינדיגן, און זאָגט אויף זיי "**עם נבל ולא חכם**", אַ נאַריש און נישט קיין קלוג פאָלק, "**בנים לא אמן בם**", קינדער וואָס קיין גלייבונג איז נישטאָ אין זיי". און אַזוי זאָגט אויך דער נביא "**כי בית מרי המה**", זיי זענען אַ ווידערשפעניג הויזגעזינד. און נאָך אַסאַך ענליכע ווערטער זידלט זיי די תורה און די נביאים.

**כא. ויקפיד,** אויף דעם אַלעמען זאָל ער זיך ערגערן, און זאָל

פֿאַררעכטן זיינע מעשים, און זאָל זיך משתדל זיין צו לערנען תורה און מקיים זיין מצות. אויך, בשעת ער הערט ווי מען זידלט אים, זאָל ער טראַכטן אַז דער וואָס זידלט אים איז דאָך נישט קיין מלאך, נאָר ער איז פֿאַר׳מיאוס׳ט פֿאַרן אייבערשטן, און איך בין באַליבט פֿאַר מיין באַשעפֿער, ווייל איך הער מיין שאַנדע און ענטפֿער נישט. אויך זאָל ער טראַכטן, אַז דאָס וואָס יענער זידלט אים איז נאָר דורך כעס, און אין אַ מינוט שפּעטער וועט זיין כעס אַוועק און וועט חרטה האָבן דערויף. דעריבער, וואָס דאַרף איך זיך ערגערן דערפֿון, און די זאָרג זאָל מיר פֿאַרמיידן פֿון דינען השם יתברך.

## ווען אַ מענטש טוט אַ נדר זאָל ער נישט פֿאַרשווּעכן

**כב. ואין,** און דער מענטש זאָל נישט מאַכן קיין עיקר פֿון די וועלטלעכע זאַכן, און זיי נישט צו הערן, חוץ פֿון די זאַכן וואָס זיינען נוגע צו די דינסט פֿון השם יתברך, ווי עס שטייט אין דער תורה ״**איש כי ידור נדר לה׳**״, ווען אַ מענטש ווען טאָן אַ נדר צו השם יתברך, ״**או השבע שבועה לאסור אסר**״, אָדער ווען ער האָט געשוואוירן צו אסר׳ן אויף זיך אַ איסור, ״**על נפשו**״, כדי זיין נשמה זאָל דורך דעם האָבן אַן עלי׳, ״**לא יחל דברו**״, זאָל ער נישט פֿאַרשווּעכן זיינע רייד, נאָר ער זאָל דאָס מקיים זיין, אָבער ווען ער האָט אויף זיך מקבל געווען שלעכטס צו טאָן, זאָל ער יאָ פֿאַרשווּעכן זיינע רייד. און השם יתברך זאָל טאָן אונזער חלק מיט די וואָס ריידן הייליגע רייד, כדי צו גרייכן דאָס גאַנצקייט פֿון זייער נשמה, אמן ואמן.

❁ ❁ ❁